ר׳ צדיק מאניש

דער פאר שיקטער אין סיביר

בילדער פון לעבען , אונ אזעלטענער ראמאן
פון טיף סיביר.

פון ג. ח. לעבנער.

ווילנא

**ВЫСЛАННЫЙ ЦОДИКЪ МОНЕСЪ
ВЪ СИБИРЬ.**

Разсказъ изъ еврейскаго быта.

Соб. изд. Л. Л. Маца.

Съ Виленскаго изданія 1898 г.

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

192

ВИЛЬНА.
Типографія Л. Л. Маца, Завальная 30. 1913 г.

1.

אין איינעם פון די ווייטסטע קאַנטען אין טיף סיביר, איז אין דעם יאָהר ....13 פאַר שיקט געוואָרען, איינער פון אונזערע אידישע פיינסטע מענשען! ער איז פאַר שיקט געוואָרען, איבער אַקליינינקייט, איבער אַשטיקעלע שנאת חנם, פון אַגוטען פריינד, פון אַשטוב מענשען; איבער אַשטיקעלע בלבול, וואָס דער פון איז קיינער ניט באַוואָרענט, דאָס קאָן טרעפען יעדער אידען, פון זיין בעסטען גוטען ברודער!...

יענער טאָג וואָס מען האָט ר' צדוק מאַנעשען, צו גענומען אין תפיסה, איבער דעם בלבול, יענער טאָג איז געווען אַפיינסטערער אַטרויערדיגער פאַר אַלעמען, פון קליין ביז גרויס, אין די אידישע שטאָט אַלט גלותיווקע.

יענעם טאָג, האָט מען גיזעהן אַלעמען, מיט פאַר בראָכענע הערץ, מיט טויט בלייכע פנים-ער, מיט פאַר ווייגטע אויגען, יענעם טאָג, וועט קיינער ניט פאַר געסען, יענעם טאָג געדיינקט מען עד עתה!

— „אוים צדוק — —

— „באַי ...ן מאַנעש! אוים גמילות חסדים!"

צרוכל אַי... וועמען ברידערלעך, האָפט מען איצט אַרוכל צדקה? ...בה? אַגמילות חסד? נאָך אצדוק מאַנעש איז ניטאָ!...

— „פאַר שטיינען דאַרף מען, דעם מסור!"...

— „פאַר שרייבט אים אידען, קבורות חמור!"...

— „נעמט אָפּ פון אים אידישע קינדער; אייערע קינדערלעך, ער וועט זיי מאַכען פאַר דאָנאָסטשיקעם, פאַר מוסרים, פאַר מלשינים!"...

— שלאָגט אים אָפּ דעם לונג און לעבער!...

— •צו בְּרָעכְט אִים רוק אוּנ לֶענְד, אַלֶע זַיינֶע בֵּיינֶער !•

אָט די אַלֶע וֶוערְטֶער, די אַלֶע רֵייד, הָאבֶּען זִיךְ גִיהֶערְט פוּן פַאר שֵׁיידֶענֶע מַיילֶער, אוּנ פוּן אַסַאךְ מֶענְשֶׁען, יֶענֶעם פִינְסְטֶערֶען טָאג; נָאר דִי צָלֶע רֵייד מִיט דִי אַלֶע פַאר דְרָאסֶען הָאבֶּען נִיט פַאר־גְרִינְגֶערְט אוּנ נִיט פַאר בֶּעסֶערְט צדוק מאנעשעס אוּנְגְלִיק אוּנ צַעֵר, עֶר אִיז גִיוֶועסֶען אִין תְּפִיסָה אַזוֹי לַאנְג. בִּיז עֶס הָאט זִיךְ גִיעֶנְדִיגְט אַלֶע הַקִירוֹת וּדְרִישׁוֹת, בִּיז נָאכְען סוֹד, וָועלְכֶער הָאט אִיהם פַאר־מִשְׁפָּט אוֹיף עֶוויגֶע קִיבִּיר־קַיין נִיזְנֶע־קַאמְטְשַׁאטְקָא, דָאס אִיז אֶמְרְחַק פוּן פעטערבורג, עֶלְף טוֹיזֶענְט זֶעכְּס הוּנְדֶערְט, 99 וֶוערְסְט! —

יֶענֶעם טָאג וָואס מֶען הָאט צדוק מאנעשען פַאר שִׁיקְט, אִיז גֶעוֶועןְ יוֹם כִּפּוּר בַּאי אַלֶעמֶען: אֲפִילוּ זַיינֶע שׂוֹנְאִים הָאבֶּען אוֹיךְ גֶעוויינְט; יֶענֶעם טָאג, הָאט עֶר זִיךְ אִיבֶּער נִיבֶּעטֶען מִיט זַיין בְּרוּדֶער לַייזֶער פֶּרֶץ; גֶעוָוארֶען מִיט אִיהם גוּט מִיט אַיין אֶמֶת, אוּנ אִים מַבְטִיחַ גֶעוֶוען, צוּ שְׁרַייבֶּען בְּרִיף פוּן וֶועג, אוּנ פוּן דָארְטִין וואוּ עֶר וֶועט קוּמֶען; אוּנ גִיבֶּעטֶען רַחֲמִים, מֶען זָאל אִיהם אוֹיךְ שְׁרַייבֶּען; צדוק מאנעש הָאט גֶעוָואלְט אִיהם גֶעבֶּען פִינְף טוֹיזֶענְט רוּבְּל. עֶר נָאל וֶועלֶען מִיט אִיהם צוּ זַאמֶען פָּארֶען; נָאר דָאס אִיז גֶעוֶוען אוּמֶעגְלִיךְ אִיבֶּער אַסַךְ טַעֲמִים, אוּנ דֶער עִיקָר, הָאט טַאקֶע לייזער פרץ נִיט גֶעוָואלְט...

אַגְרוֹיסֶער בַּחֲמָנוּת אִיז גִיוֶוען אוֹיף זַיין פְּרוֹי, אוּנ אוֹיף זַיין בַּת יְחִידָה פערקעלע, אַקִינְד פוּן אַכְט יָאהר אַלְט, אַלֶע הָאבֶּען גֶעטְרַאכְט, אַז זֵיי וֶועלֶען גֶעוויס נִיט דֶער פָאהרֶען בִּיז אַהִין... אַזַא וַוייטֶע וֶועג!

אַלֶע שְׁטָאט לַייט הָאבֶּען בַּאגְלֵייטֶעט ר׳ צדוק מאנעשין מִיט זַיין וַוייבּ אוּנ קִינְד, אַשְׁטִיק בִּיז אוֹיסֶען שְׁטָאט אַרוֹיס, נָאר זַיין בְּרוּדֶער לייזער פרץ, הָאט אִים בַּאלֵייט גַאנְצֶע טוֹיזֶעוּט וִוָיארְסְט; צדוק מאנעש הָאט אִיהם זֵייעֶר פַיין בַּאפְרִידִיגְט פַאר דִי לְוָיָה, אוּנ דָארְטֶען הָאבֶּען זִיךְ בֵּיידֶע בְּרִידֶער גִיזֶעגִינְט, אוֹיף עֶוִויג, עֶוִויג! בֵּיידֶע הָאבֶּען זִיךְ גֶעהאלֶזְט אוּנ גִיקוּקְט; אִיצְט אָט אִין דיא הַייסֶע

מינוטען

נ א בייכָער דֶער אִיז ווער, גֶעסֶען פַאר בֵּיידֶע זיי הָאבֶּען, מִינוּטֶען
ווער אִיז דֶער אָרֶעמֶער בְּרוּדֶער ! וָואס נָאר דָאס אִיז גֶעוֶוען די סִבָּה
פוּן זֵייעֶר שְׁטֶענְדִיגֶע שִׂנְאָה ; וָואס לייזער פרץ'ין הָאט זִיךְ גִידַאכְט ;
אַז דֶער רֵייכֶער בְּרוּדֶער , הַאלְט זִיךְ גֶענֶען אִים צוּ גְרוֹיס, עֶר הָאט
גֶענֶען אִים צוּ פִיל גַדְלוּת, צוּ פִיל גַאֲוָה ; צדוק מָאנעשין הָאט זִיךְ
אוֹיס גֶעוִויזֶען , אַז לייזער פרץ, פַאר גִינְט אִים גִיט דֶעם לֶעבֶּען עֶר
אִיז אִים מְקַנֵא זַיינֶע גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת ... עֶר וִויל אִים אַיין שְׁלִינְגֶען
מִיט דִי בֵּיינֶער ! אִיצְט הָאבֶּען בֵּיידֶע בְּרִידֶער זִיךְ אוֹיס גֶערֶעט, זַייא
הָאבֶּען אוֹיס גֶעגָאסֶען זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער , זיי הָאבִּין זִיךְ עֶרְקְלֶערְט , אַז
זיי הָאבֶּען בֵּיידֶע גִיהַאט אַטָעוּת , זיי הָאבֶּען זִיךְ אַיינֶער דֶעם צְווייטִין
גִיט פַאר שְׁטַאנֶען ; נָאר דִי אַלֶע רֵייד וָואלְט גוּט גִיוֶוען מִיט אַפָּאר יָאר
צוּרִיק, אָבֶּער נִיט אִיצְט, אִיצְט אִיז שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט גֶעוֶוען ...

צדוק מָאנעש הָאט אַוֶועק גֶעפִירְט מִיט זִיךְ אַקַאפִּיטַאל פוּן קָרוֹב צְוַואנְצִיג טוֹיזִינְט רוּבְּל, נָאר וָוער וַוייס, וָואס דָארְט אִיז פַאר אַקַאנְט , פַאר אַמְדִינָה, מִיט מִסְחָרִים? וָוער וַוייס, אוֹיב אִים וֶועט דָארְט זַיין הַצְלָחָה גַיין , וִויא דָא ? וֶוער וַוייס ? אִיצְט אִיז אִים יֶעדֶער רוּבְּל זֵייעֶר טַייעֶר ; אִיצְט וָואלְט עֶר וֶועלֶען דֶעם אָרֶעמֶען בְּרוּדֶער זַיינֶעם פַאר זָארְגֶען , אִיהם הֶעלְפֶען , נָאר עֶר קָאן נִיט !

בֵּיידֶע בְּרִידֶער הָאבֶּען גֶעשְׁוָוארֶען , אַז זיי זָאלֶען עֶבִּיג זִיךְ נִיט פַאר גֶעסִין, זיי זָאלֶען זִיךְ אָפְט זֵייעֶר אָפְט , בֵּיידֶע בְּרִיף שְׁרַייבִּין.

אוּנ בֵּיידֶע בְּרִידֶער הָאבֶּען וָוארְט גִיהַאלְטֶען , גְלַייךְ וִויא צדוֹק מָאנעש, אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף זַיין בֶּעשְׁטִימְטֶען אָרְט , וָואס הָאט גֶעדוֹיעֶרְט רִיכְטִיגֶע פוּפְצֶעהְן חֲדָשִׁים פוּן יֶענֶעם טָאג , וָואס זיי הָאבִּין זִיךְ גִיזֶעגְנְט ; הָאט עֶר דֶעם בְּרוּדֶער אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט אַבְּרִיף , אִין וֶועלְכֶען עֶר הָאט דֵייטְלִיךְ אוֹיס גִישְׁרִיבֶּען זַיין גַאנְצֶע נְסִיעָה , אַלֶע צָרוֹת מִיט אַלֶע יְסוּרִים וָואס עֶר הָאט אוֹיס גֶעלִיטֶען אוּנ אִיבֶּער גֶעטְרָאגֶען ; צוּ עֶרְשְׁט אִיז זַיין דבורה שְׁטַארְק קְרַאנְק גִיוָוארֶען , דִיא הִשְׁתַּנוּת פוּן דֶעם וָואזדוּךְ , דִי גְרוֹיסֶע מְשׁוּנֶע קֶעלְטֶען , מִיט דִיא גַאנְץ אַנְדֶערֶע אוּנ פַאר עֶנְדֶערְטֶע נַאטוּר , הָאט אוֹיף אִיהר זֵייעֶר שְׁלֶעכְט

גֶעווירקט

געווירקט; דער נאך אז זיא איז געזונד געווארען איז ער קראנק געווארען, צו זאמען מיט דאס קינד; אונ דיא צייט איז פאר זייא אלעמען געוועזען דיא ערגסטע אונ געפערליכסטע, ווייל דבורה האט נים גיקאנט זיך אליין בעדינען, זיא איז נאך ניט געוועזען פאלקאם געזונד, אום גיין אונ אבטונג געבען אויף איהם מיט דאס קינד איז איר געוועזען, געוויס אומעגליך; זיי פלעגען אפט ליגען גאנצע טעג, אונ עס איז ניט גיוועזען ווער עס זאל זייא א טרונק וואסער געבען, אדער אזוי א קוויקונג אין מויל אריין; ער האט כלל ניט געטראכט פון געזונד ווערען אונ פון לעבען; נאר גאט איז אומעדום, ער האט זיי געשטארקט, זיי זיינען געזונד געווארען, אונ גיקומען אויף זייער צרט, ער האפט, וויא אים ווייזט אוים, אז ער וועט דא אויך לעבען, דא זיינען אויך דא אידען אזעלכע וואס זיינען פאר שיקט גלייך מיט אים, אזעלכע וואס קומען אדער האנדלען קויפען פאר שיידענע פיטערוואדג פון אלערליי חיות. אונ סחורות פון יאפאניען אונ קיטאי, אונ זיצען דא אפט, האלבע יאהרען ווייז; אויף ימים נוראים האבען זיי דא תמיד אמנין, דאס מערסטע אידעלאך וואוינען דא ווייט איינער פון צווייטען, דער נאהענסטער פון מיינע שכנים איז פון מיר ווייט צעהען ווערסט, סיר האבען דא אשוחט, איז ער ביי אונז אכל בו, ארב, אשוחט, אמוהל, אחזן, אבעל קריאה, אבעל תקיעה, ער איז מסדר קדושין, אונ מסדר אגט, ער איז ביי אונז דער איינער וואס אין אים געפינט זיך אלעס, אונ מיר זיינען אלע וואס אין אונז געפינט זיך גאר נישט.

2.

הושיע אפרים דעם אלטין, קאנען אלע פון גאנץ לאנגע צייטין; דאס זיינען שוין איאהר דרייסיג אדער מער, וואס ער ווערט ניט עלטער אונ ניט איינגער; צייט מען געדיינקט אים, טראגט ער אויף זיין פנים די לאנגע ווייס גראע בארד, צייט מען קאן אים, איז ער

תמיד אזוי נידעריג, אין געבוגען איין געהויקערט; אונ תמיד וועט מען ווען איהם: זיינען זיינע בעקעלעך רויט, די בלוט שפריצט אים פון פנים, ער איז פריילעך, מיט אגילעכטערל אויף די ליפען, ווי איינער וואס האט זיין גאנצען לעבען גיטראכטען נאר אויף בלומען, וואס זיינע אלע טעג זיינען גיוועזן דורך אויס מיט האניק באשמירט!

הושיע אפרים׳ס גישעפט פון זיינע יונגע יארען איז גיוועזן ניט קיין געהויבענער, ניט גאר קיין שיינער; אויך ניט גאר קיין בכבוד׳דיגער פאר אים וויא פאר אלע אידין; נאר נאך אלעם דעם, איז ער גיוועזן ציימען ווייז אגאנץ ערליכער מאן, איין ערליכער איד, אכשרער איד, הושיע אפרים׳ס פרנסה איז געוועזן זיין „שארמאנקע“ דאס איז אמין שפיל קעסטל, וואס ער פלעגט דאס טראגין אויף זיך, אונ קומענדיג אין אשטאט אין אדארף, פלעגט ער גיין פון שטוב צו שטוב, פון הויף צו הויף; ניט אנגיפרעגטער הייט זיך שטעלען אנקעגען אפענסטער, אדער באי אטיהר, אנהייבען שפילען... אפובליק פון אלערליי מינים קליינע קינדער, פלעגען די מינוט ווערין, אונ אפט עטליכע קאפיקעס אויך.

אצייט יאהרען האט ער דער מיט קיין גוטע גישעפטין ניט געמאכט, נאר דער נאך אז זיינע קינדערלעך זיינען אונטער גיוואקסין, זייא זיינען גיווארען אנאהר 7-8, דאן האט זיך זיין גישעפט אין גאנצין פאר בעסערט; הושיע אפרים האט גיהאט זיין איינענם צווייא קינדער, צווייא אינגלעך, אונ די צווייא קינדער האבין אים גליקליך געמאכט; ער האט דיא צווייא קליינע קינדערלעך גילאזען אויס לערנען מאנצין, זייער שיין, אונ האט זייא אויס גיקליידעט אין זייער מאדנע מלבושים, אמין קאמעדיאנטין, דיא קינדערלעך זיינען גיוועזן זייער שיינע, זייער ליבע, ער פלעגט שפילין, אויף זיין שפיל קאסטין, וואס איז אויך גיוועזן אויס גיבעסערט, מיט די לעצטע נאייע ערפינדונגען; דיא קינדערלאך פלעגין דער בייא צו-טאנצין, מיט אומעדינע אונ פריילעכע טענץ; דער נאך פלעגט דער עלטערער קינד נעמען אשיסעלע, צו-לויפין צו יעדערין בעטין

אַנְדָבָה, אוּנ יֶעדֶער הָאט גִינֶעבִּין פוּן רַחֲמָנוֹת, פוּן מִיט-לֵייד וֶועגִין אוּנ הוֹשיע אפרים, הָאט די אוּיגֶען גִיעָפִינְט, פַאר פִיר אָדֶער פִינְף יָאהר, הָאט עֶר צוּ זַאמְמֶען גִיקְלִיבִּין הִיפְּשֶׁע עֶטְלִיכֶע רוּבּ״ל, אַנְדֶערֶע זָאגֶען, אַז אַרוּבּל צְוַויא טוֹיזֶענְט! נָאר אַז דִיא קִינְדֶער זֵיינֶען עֶלְטֶער גִיוָוארֶען, הָאבִּין זַייא מֶער נִיט גִיוָואלְט זִיךְ מְאוּס מַאכֶען, זַיי הָאבֶּען גִיוָוארְפֶען דֶעם טַאטִין; עֶר אִיז אֲפִילוּ גִיוֶועןְ זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף זַיינֶע „עַזוּת פֶּענִימֶער“ אָבֶּער אָן זַייא אִיז דֶער מִסְחָר זֵיינֶען נָאר נִישְׁט וֶוערְט גִיוֶוען, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זֵיין שְׁפִּיל קֶעסְטִיל פַאר קוֹיפְט; דִי גֶעלְט אָפּ גִינֶעבִּין אִין עֶטְלִיכֶע זִיכֶערֶע הֶענְד, פוּן דֶער פְּרָאצֶענְט הָאט עֶר גִילֶעבְּט; דִיא קִינְדֶער הָאט עֶר אָפּ גִינֶעבִּין, דֶעם עֶלְטֶערִין צדוק מאנעשען פַאר אַמְשָׁרֵת אִין אֵיין קְלַייט, דֶעם קְלֶענֶערִין לייזער פרצין פַאר אַשׁוּסְטֶער. —

נָאר אָט די רוּהִיגְקֵייט, אָט דֶער שְׁטִילֶער לֶעבִּין, הָאט הוֹשיע אפרים׳ן מְקַצֵר גִיוֶועןְ זֵיינֶע יָאהרֶען, דָאס הָאט בַּייא אִיהם אָפּ גִינוּמֶען זֵיין פְרֵיילֶעכְקֵייט, זֵיין שְׁמֵייכֶעל פוּן דִיא לִיפִּין עֶפֶּעס אִיז אִיהם יֶענֶער לֶעבִּין גִיפֶעלִינֶער גִיוֶוען, אַלֶעבֶּען פוּן דוּרְךְ אוֹיס נִגוּנִים מִיט זְמִירוֹת, וָואס מֶען זֶעהט אַלֶע וַוייְלֶע נֵייעֶ פֶּנִימֶער, מִיט נֵייעֶ מַטְבְּעוֹת; אוּנ דֶער אִיצְטִינֶער לֶעבִּין? אִיז וִויא אַבֵּית עוֹלָם, שְׁטִיל וִויא אִין אַקֶבֶר, זֵייעֶר אוּמֶעדִיג, פַאר אַמֶשֶׁךְ פוּן פִינְף אָדֶער זֶעקְס יָאהר אִיז עֶר נֶעבּוֹיגֶען גִיוָוארִין בִּיז דֶער עֶרְד, מִיט אֵיין מָאל אִיז אוֹיף אִיהם דֶער עֶלְטֶער צֻרוֹיף; הוֹשיע אפרים אִיז אַפָּאר חֳדָשִׁים אוּמְגִינַאנְגֶען וִויא אַשָׁאטֶען, זִיךְ גֶעוִוינְט אוֹיף זֵיינֶע פִּים, בִּיז אִים הָאט גוּט צוּ גִיקְוֶועצְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט אוּנ נִיט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען;

הוֹשיע אפרים אִיז גִישְׁטָארְבֶּען!

צדוק מאנעש אִיז פַאר דִי זֶעקְס יָאהר צֵייט גִיוָוארֶען אַגַאנְצֶער מֶענְשׁ, אוֹיס גֶעוַואקְסֶען אַהוֹיכֶער אַשֵׁיינֶער בָּחוּר, אַשְׁטִילֶער אַקְלוּגֶער, עֶר הָאט גֶעהַאט זֵיין אֵיינֶענֶע עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט רוּבִּיל פַארְדִינְטֶע, דֶער צוּ הָאט עֶר אָפּ גֶענוּמֶען דִי יְרוּשָׁה גֶעלְט, פוּן דִיא זִיכִירֶע הֶענְד, אוּנ הָאט פַארְפִירְט אַגֵיין אַהַאנְדִיל.

תְּחִילַת הָאט עֶר גֶענוּמֶען דֶעם בְּרוּדֶער פַאר אַשׁוּתָּף, ווייל לייזער פרץ הָאט דָאךְ גֶעהַאט אִין דיא יְרוּשָׁה גֶעלְט אַגְלַייכִין חֵלֶק, נָאר בַּייא דיא עֶרְשְׁטֶע דְרַייא חֳדָשִׁים, הָאט צדוק מאנעש אָנְגֶעוויזִין דֶעם שׁוּסְטֶער אַחֶשְׁבּוֹן צֶדֶק, אַז עֶר הָאט דֶער לֵייגְט צוּם הַאנְדִיל כִּמְעַט אָנְדֶער הַאלְבִּין טוֹיזֶענְט רוּבִּיל; עֶר הָאט דֶער בַּייא זַייעֶר גֶעווֵיינְט, אוּנ לייזער פרץ, הָאט גֶעמוּזְט אָנְגֶעמֶען דִי טְרֶערִין פַאר גוּטֶע גֶעלְט; גְלוֹיבּ יַא, אָדֶער גְלוֹיבּ נִיט, אַז עֶס אִיז נִיט דָא, אִיז נִיט גוּט! עֶר הָאט זִיךְ בַּאוּוגֶענְט מִיט דיא 250 רוּבִּיל וָואס דֶער בְּרוּדֶער הָאט אִיהם אַרוֹיס גֶעצָאלְט, פוּן דָאס לֶעצְטֶע; דיא בִּיסִיל גֶעלְט הָאט עֶר אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין זַיינֶע שׁוּסְטֶערַאיי, אוּנ אוֹיס חֲלוֹמוֹת!

צדוק מאנעש הָאט נָאךְ דֶער חֲלוּקָה ווידֶער אָנְגֶעהֵייבֶּען הַאנְדְלֶען; אוּנ הָאט אָנְגֶעהֵייבֶּען פַארְדִינֶען, אוּנ גוּט פַארְדִינֶען; צדוק מאנעש הָאט אַקוֹיף גִינֶעבִּין „חֲזִיר-הָאאר” אוּנ פַארְדִינְט מִיט אֵיין מָאל פִינְף הוּנְדֶערְט רוּבִּיל! עֶר הָאט אוֹיף אַגִילֶעכְטֶער גִיקוֹיפְט אַפָּאר מֵאוֹת קָאלֶעכְדִינֶע פֶעלְכְלֶעךְ, אוּנ הָאט דֶער בַּייא גוּט פַארְדִינְט; גָאר פַאר בַּייא גֵייעֶנְדִיג הָאט עֶר גִיקוֹיפְט אַפָּאר וַואגָאנֶעס הָאבֶּער, אוּנ אִיהם שְׁטֵייט דֶער בַּייא פַיינֶע עֶטְלִיכֶע רוּבִּיל פַּרְנָסָה! דָאס אִיז סַךְ הַכֹּל אַיָאהר צַייט, אוּנ צדוֹק מאנעש הָאט פַארְדִינְט אַדְרַייא טוֹיזֶענְט רוּבִּיל; מֶען דַארְף פַאר שְׁטֵיין אַז לייזער פרץ דֶער שׁוּסְטֶער הָאט אִים זַיינֶע גְלִיקִין גִיט פַארְגִינֶען; בַּייא זִיךְ אִין הַארְצִין, הָאט עֶר דֶעם בְּרוּדֶער הוֹשֵׁד גִיוֶועֶן, נָאר בְּאוֹפֶן אַחֵר, עֶר הָאט אוֹיף זַיין פָּנִים נִיט גִיוָואלְט קוּקִין; אוּנ אֲפִילוּ בְּעֵת צדוק מאנעש אִיז אַחָתָן גִיוָוארִין, מִיט זַייעֶר אַפַיינֶע כַּלָּה, וָואס הָאט אִים גִיגֶעבִּין פִינְף הוּנְדֶערְט רוּבִּיל נַדָן, אִיז לייזער פרץ נִיט גִיוֶועְן נִיט אוֹיפִין תְּנָאִים. אוּנ נִיט אוֹיף הַחֲתוּנָה, דָאס זֶעלְבִּיגֶע אוֹיף לייזער פערעצעס תְּנָאִים אוּנ הַחֲתוּנָה אִיז צדוֹק מאנעש נִיט גִיוֶועְן; צְווִישֶׁען בֵּיידֶע בְּרִידֶער אִיז גִיוָוארִין אַגְרוֹיסֶע שִׂנְאָה, אוּנ קִנְאָה; אוּנ מִיט יֶעדֶער הַצְלָחָה, מִיט יֶעדֶער גְלִיק וָואס הָאט צדוק מאנעשין גִיטְרָאפִין,

און

און פאר קערט מיט יעדער אומגליק, מיט יעדער שלעכטין מקרה וואס האט לייזער פערעצין גיטראפין איז זייער שנאה גרעבער און שטארקער גיוואָרען!

צדוק מאנעש איז געוואקסין פון טאג צו טאג ווענין זיין רייך ווערין, זיינען גיווען פארשיידענע מיינונגען, פארשיידענע דעות; דער „עולם" האט צווישין זיך גירעדט, „גיטאלקעוועט" געדרונגען; נאר דעם אמת האט קיינער ניט געוואוסט, און קיין ברענג האט קיינער גיט גיפונען; כדי צו פאר שטאפין שונאים דיא מיילער, גקמה נעמען פון ברודער דעם ארעמען שוכטער, און איינקויפין זיך אין אגוטין נאמען, האט צדוק מאנעש אנגעהייבען, זיך צו ווארפין מיט עטליכע הונדערט רובּיל אויף גמילות חסדים. מיט עטליכע צעהענדליג רוביל אויף צדקות, און פאר אקליינע קורצע צייט, איז צדוק מאנעש גיוואָרען דער פיינסטער, דער בעסטער, דער ערשטער! אלע שונאים זיינען פאר שטומט גיוואָרין אלע בייזע צינגער זיינען שטיל גיבליבין, אלע האבין פאר געסין, וואס אמאל, אמאל, איז גיווען; איצט האט יעדער פאר די אויגען גיזעהען ארב צדוק מאנעש, אבעל צדקה, מיט אבעל גמילות חסד, מיט אגוט הארץ!...

דאס האט אבער לאנג ניט גידויערט, אין אפינסטערין פריה מארגען האט „טאינע פאליציע, ארום גערינגעלט צדוק מאנעשעס שטוב, מען האט אזוי לאנג געזוכט אין אלע קעלערין, אין אלע באהעלטעניסען, ביז מען האט גיפונען...

וואס מען האט געפונען האט קיינער ניט גיזעהן, אנדערע זאגין אמאשינע וואס דרוקט צעהענערלעך; אנדערע דריגגען, אז אנא דומהייט וועט צדוק מאנעש ניט טאהן, דאס איז אמאשינע וואס דרוקט הונדערטער! און נאך אנדערע ווילין דער קלערין, אז דאס איז גיווען אמאשינקעלע וואס מאכט פאלשע זילבערנע מטבעות...

פון דעם סוד, האט דער ערשטער דער שמעקט, בערציק דער מלמד; ער איז גיווען בייא צדוק מאנעשין אגאנצער בן בית;

אִים פְלֶעגְט צדוק מאנעש אַלֶע דָאנֶערְשְׁטָאג אוּיס לַייעֶן אַרוּבִּיל אוּיף שַׁבָּ"ת, בִּיז מָאנְטִיג; אוּנ דֶער פַאר הָאט בערציג גֶעשְׁרִיבֶּען עֶרְגֶעץ אִין אַצַייטוּנְג אַמַאֲמָר כּ"ן דְרַייא שׁוּרוֹת, אוּנ אָפּ גֶעלוֹיבְּט דֶעם בַּעַל צְדָקָה, דֶעם נָדִיב הַיָדוּעַ, מִיט גְרוֹיסֶע שְׁבָחִים, וָואס דֶער פַאר אִיז דֶער נָדִיב גִיוֶועֶן אִיהם בערציקִין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, עֶר הָאט אִים אָפּ גִינֶעבִּין צוּם לֶערְגֶען זַיין בַּת יְחִידָה, אִים גִיצָאלְט אַמָקְח וִויא פַאר אַאֶנְגִיל, צְוַואנְצִיג רוּבִּיל אָזְמַן; אוּנ הָאט בערציקִין זֵייעֶר מְקָרֵב גִיוֶוען. —

דֶער וַויילֶע אִיז גִיקוּמֶען אַנַייעֶר לֶעהְרֶער, אַמֵיידִילְשֶׁער לֶעהְרֶער, אוּנ דבורה הָאט אָפּ גִיגֶעבִּין פערקלען צוּם נַאיֶיעם לֶעהְרֶער... בערציג הָאט זֵייא גִינֶעבִּין אַגְרוֹיסֶע אַזְהָרָה „נֶעמְט אָפּ פּערקלען פוּן לֶעהְרֶער, אֶז נִיט וֶועט אַייךְ פַאר דְרִיסֶען!" אָבֶּער מִיט דִי עַזוּתְדִיגֶע וֶוערְטֶער, הָאט זִיךְ בערציג עֶרְגֶער גִימַאכְט, אוּנ צדוק מאנעש הָאט לַאכֶענְדִיג גִיזָאגְט.

— אַזוֹי, אַזוֹי, רֶב בערציק, זַיינְט אִיהר טַאקֶע אַזוֹ בְּרוֹגְז, אַז אִיהר וֶועט אוּנְז דָאנֶערְשְׁטִיג צוּ וַוארְפֶען דֶעם רוּבִּיל... נִיט קוּמֶען לַייעֶן?"...

— בִּיז דָאנֶערְשְׁטִיג, קָאן נָאךְ גָאר עֶין, אַז אִיהר זָאלְט בַּייא מִיר בֶּעטִין אַרוּבִּיל אַהַלְוָאָה.

— „אַרוֹיס פוּן מַיין שְׁטוּב!" הָאט צדוק מאנעש מִיט כַּעַס גִיזָאגְט: אִיךְ הָאבּ אַייךְ פַאר אַשְׁטִיקֶעלֶע מֶענְשִׁין גִירֶעכִינְט, אָבֶּער אִיךְ זֶעה מַיין טָעוּת, מֶער זָאל אַייעֶר פוּס אוּיף מַיין שְׁוֶועל נִיט קוּמֶען!"

— אִיהר וֶועט מִיר גִידַיינְקֶען... מֵיינְט נִיט אַז אַיין אִידִישֶׁער מְלַמֵד אִיז אַתּוֹלַעַת וְלֹא אִישׁ, אַוָוארִים אוּנ נִיט אַמֶענְשׁ... וַוארְט אַוַויילֶע, אִיךְ וֶועל אַייךְ וַוייזִין אַפָּאר צֵיין... טַאקֶע פוּן צֵיין לַאנְד!..

בַּייא דִיא לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער הָאט בערציק אַשְׁטַארְקִין קְלַאפּ גִיגֶעבִּין מִיט דֶער טִיהר, אַרוֹיס גֵייעֶנְדִיג, אַז צדוק מאנעש, מִיט זַיין דבורהן, הָאבִּין זִיךְ אֵיינֶ"ג דִיא אַנְדֶערֶע אָן גֶעקוּקְט מִיט שְׁרֶעק אוּנ פַאר וואוּנְדֶערוּנְג.

סוף

מִיט דְרַייא טָאג שְׁפֶּעטֶער, הָאט מָען גֶעמָאכְט אַשְׁטְרֵיינְגֶע אוּנְטֶער זוּכוּנְג, אוּנ נָאךְ אַלֶע חֲקִירוֹת וּדְרִישׁוֹת, הָאט מָען צדוק מאנעשין פַאר מִשְׁפָּט.

בּערציק דָער מְלַמֵד, הָאט זִיךְ בַּארִיהמְט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אַז עָר הָאט מְקַיֵים גֶיוֶועזֶען דָעם פָּסוּק, וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִרְבֶּךָ! „דָאס שְׁלֶעכְטֶע הָאבּ אַרוֹיס פוּן דִיר!"

3.

מִיט שֵׂכֶל אוּנ מִיט גֶעלְט קָאן מָען דוּרְךְ פָאהְרִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט!" זָאגְט זִיךְ דִי וֶועלְט אַיְיעֶרְטִיל. אוּנ דָאס אִיז רִיכְטִיג; גֶעלְט וַוארְעמְט אוּמֶעטוּם, אֲפִילוּ אִין דִיא קַאלְטֶעסְטֶע מְדִינוֹת, אֲפִילוּ אוֹיפִין אֵייז מֶעהר; אוּנ אָן גֶעלְט אִיז קַאלְט... קַאלְט צוּם פַאר פְרוֹירֶען וֶוערִין, אֲפִילוּ אִין דִיא וַוארְעמְסְטֶע לֶענְדֶער!

צדוק מאנעש מִיט זַיין פְרוֹיא אוּנ טָאכְטֶער, הָאבִּין זִיךְ אַיְאהר נָאךְ אַיְאהר אַלֶעס מֶעהר צוּ גֶעוְואהנְט צוּ יֶענֶעם לוּפְט, צוּ יֶענֶע מֶענְשִׁין, אוּנ צוּם יֶענֶעם לֶעבִּין: דִי הַצְלָחָה הָאט זַייא אָפּ גֶעזוּכְט אֲפִילוּ אִין דָעם וַוייטִין קַאלְטִין קַאנְט, זִיא הָאט גֶעהִיט צדוק מאנעשין אוֹיף זַיין יֶעדֶער טְרָאט, צדוק מאנעש הָאט אָנְגֶעהֵייבֶּען וָואס אַיְאהר מֶעהר גְרֶעסֶערֶע מִסְחָרִים מַאכֶען, זַיינֶע עֲשִׁירוֹת הָאט גֶעשְׁטִיגֶען פַאר דִיא עֶרְשְׁטֶע פִינְף יָאהר צַייט דָאפֶּלְט וִויפִיל עֶר הָאט אַהֶער גֶעבְּרַאכְט!

צדוק מאנעש הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען דָעם בְּרוּדֶער אַצְוַוייטִין בְּרִיף, אִים אוֹיס גֶעשְׁרִיבֶּען זַיינֶע גְלִיקִין. מִיט זַיין נַחַתְדִינֶען לֶעבִּין, גִיבֶּעטִין בַּחֲמִים עֶר זָאל אִים שְׁרַייבֶּען פוּן אִים, פוּן זַיינֶע פְרוֹי אוּנ קִינְדֶערְלֶעךְ, עֶר הָאט אָפּ גִיוַוארְט פִיר פִינְף חֲדָשִׁים אוֹיף אַתְּשׁוּבָה, אוּנ הָאט נִיט בַּאקוּמֶען; צדוק מאנעש הָאט נִיט אַנְדֶערְשׁ גִיטְרַאכְט, אַז לֵייזֶער פֶּרִיץ אִיז שׁוֹין לַאנְג אַבֶּן עוֹלָם הַבָּא, וַוייל עֶר אִיז תָּמִיד אַקְרַאנְקְלִיכֶער מֶענְשׁ גִיוֶועזֶען, אוּנ פִינְף יָאהר דוּרְךְ לֶעבִּין אִין אֶבְיוֹנוּת, אִין דַחֲקוּת, אִין

אין צרות, ווען אפילו אין מיטען ארץ ישראל, צווישען גאט און לייט, איז שווער, [illegible]ער שווער!

נאר צדוק מאנעש האט אטעות גיהאט; מיט דרייא יאהר שפעטער, האט אים איין ארץ ישראל משולח, גיבראכט איין געדרוקטע קבלה אויף זיין פינף יאהרעדיגע נדבה אויך איין ווארעמען גערוס פון זיין ברודער לייזער פרץ, אז ער לעבט, און אז ער איז אגעזונטער קבצן, עד היום; זיין גאנצע נחמה איז, זיין בחורל בערל-וועלוויל, אאינגיל איאהר אכצעהן אוואויל לערנער, און זייער אגעראטענער! אויך האט ער אים דער ציילט, אז בערציג דער מלמד קנעלט נאך עד היום, און זיין עלטערער זוהן, האט מען געחאפט מיט אפאלשין פאדפיס׳ וואס און וויא אזו, ווייסט ער ניט גאנץ ריכטיג, נאר דאס האט מען אים-דעט [illegible] – פאר געוויס דער ציילט, אז שוין העכער אהאלב יאהר וויא ער זיצט אין דיא הויכע פענסטער... און וואס זיין סוף וועט זיין ווייס קיינער ניט.

פאר די אלע ידיעות, האט צדוק מאנעש אפ געהאלטען דעם משולח ביי זיך, צווייא וואכען צייט, בכבוד גדול, אים גיגעבין אנדבה דרייא הונדערט רוביל, מיט דיא הבטחה, אז ער וועט קומען אין אפאר יאהר ארום וועט ער געבין, נאך אגרעסערע נדבה!

מיט איאהר שפעטער, האט צדוק מאנעש באקומען אבריף פון זיין ברודער לייזער פרץ, ער האט אים זייער געדאנקט פאר זיין גוטע ברידערליכע פריינדשאפט, פאר דעם גערוס, וואס ער האט צו אים איבער גיגעבין מיט דעם משולח; און האט גיגעבין דעם ברודער אגוטין אנצוהערעניש, היות אזוי וויא זיין בערל-וועלוויל איז זייער אטייער קינד, אבחורל איאהר 20, און זיין טאכטער פערקלעטשקע דארף שוין אויך זיין אמיידעלע ביי איאהר אכצעהן, וואלט זייער גוט און גלייך גיוועהן, זייא זאלין ווערין חתן כלה!

דעם דאזיגען בריף האט צדוק מאנעש, מיט גרויס הרחבה, מיט

אסאך

אסאך פארגניגן געלייענט פאר זיין פרוי און טאכטער, פערקלע איז אפילו אביסעלע פאר שעמט געווארען, און איז ארויס גילאפין אין אגנייויטין טיסטער, נאר צדוק מאנעש מיט דבורהן, האבין פעסט בעשטימט, אז דאס זאל זיין אשידוך, "מען זאל לייזער פרצי'ן באלד אפ שרייבין אבריף, אז אפ געבין זייער איינציג קינד פון זיך, ווילין זייא ניט בשום אויפין, זייא ווילין נעמען איין אידים צו זיך; ובכן אויב בערל-וועלוויל וועט מרוצה זיין פארין אהער, זיין דא תמיד מיט זייא אין איינעם, און אויב ער לייזער פרץ איז אויך מסכים דער צו, זאל ער באלד שיקן אנטווארט, וועלין זייא איהם ארויס שיקען געלט אויף הוצאות פינף הונדערט רובל!

צדוק מאנעש האט געטראכט, טאקע ניט אנדערש, נאך היינט אפ שרייבין דעם ברודער אבריף, נאר ער איז גיוועזן אביסילע פערנומען, דעריבער האט ער אפ געלייגט דעם שרייבין אויף שפעטער; און אז ער איז יא פארטיג געווארין מיט זיינע גישעפטין, האט ער זיך גיזעצט צום שרייב טיש און גענומען די פען אין האנט, אין דעם איז צוא געפארין צום טיהר אשליטין מיט זעקס גרויסע הינט געשפאנט. *)

פון שליטין איז ארויס געקראכין אמענש אפאר וויקילטער, אפאר קוטעטער, אין אגרויסין בערינ-פעלץ, און אריין קומענדיג אין שטוב, האט ער גיזאגט, צ"נאט העלף!. מיט דעם לשון פון יענע מדינה, פרענענדיג מיט איין אטהום; אויב דא וואהנט דער הערר צדוק מאנעש כלבולאוו, און אויב מען ערלויבט איהם, זיך

אפ

---

*) אין סיביר פארט מען דאס מערסטע ווינטער צייט נאר אויף הינט, מען שפאנט זיי, נאך די משא וואס מען דארף מיט זיי פירין; אפט שפאנט מען אכט און צעהן הינט, זייער אפט טרעפט, אז די הינט דער שמעקין אפיקסיל, אדער איין אנדער חיה, וואס זיי האבין איהר פלייש ליב, זיינען די פאסאזשירער ניט גאר זיכער, אז דער שליטין זאל זיך ניט איבער קערין, אדער די הינט זאלין זיי פאר שלעפין, ווער ווייסט וואו הין.

אָפּ רוהען און אָן וואַרטען אַפּאָר שָׁעה צייט ; די ערלויבּעניש איז באַלד גיגעבּען געוואָרין , אויפין טיש האָט באַלד עֶ־שַׁיינְט אַקאָכֶעדיגער סאַמאָוואַר , משקה מיט פאר בּייסין , דער אורח האָט זיך אָנגעהייבּין אויס וויקלען , און אַראָפּ וואַרפין פון זיך זיינע אַלע שווערע וואַרעמע בגדים ; צדוק מאנעש האָט אַסטאָוועט דעם בּריף שרייבּין , און ווי ער , אַזוי זיין פרוי און טאָכטער , האָבּין מיט פולע פאר וואונדערטע אויגען געקוקט אויף דעם נייעם אונבּעקאַנטין גאַסט . . .

4.

אַז דער אורח האָט זיך , אין גאַנצין אויס געוויקילט פון זיינע וויינטערדיגע בגדים , האָט מען דער זעהן אַ יונגען מאַן פון נידעריגען וואוקס , זיין פּנים איז אַרום גערינגעלט מיט אַ העל געלען באָרדעלע , וואָס איז ווי אונטער געפּוצט מיט אַ שערל ; אויף זיין לאַנגלעכען נאָז , זיצין צוויי ברילין , מיט בּלאָהלעכע גלאָזלעך , דורך וועלכע עס זעהן זיך אַרויס זיינע ניט גאָר געזונטע אויגען ; זיינע האָר אויפין קאָפּ זיינען רויטע , דער שטערין זייער אַקליינער כמעט אויף צוויי פינגער בּרייט , איז די הויך פון שטערין , ניט מער ; געקליידעט איז ער איטעלעגענטיש , ריין און זויבּער , אַזאַ זאָרט אורח , האָבּין זיי שוין אַצייט יאָהרין ניט גיזעהן .

דער אורח האָט זיך גיזעצט צום טיש , און איידער ער האָט דיא גלאָז טהע אין האַנד גענומען , האָט ער , מיט אַ שמייכעל געזאָגט :

— מיין ערשטע שולדיגקייט איז , איך זאָגין מיין נאָמען און פאַמיליע איך הייס אויף פּראָסט אידיש יעקע , נאָר אויף רוסיש , יעקים באָריסאָוויטש, כּרייה . . .

— זייער אַנגינאַהם , זייער פיין , איך הייס צדוק מאנעש בולבוליאַוו

בולבוליאוו. און דיזע, האט צדוק מאנעש, ווייזענדיג מיט אפינגער אויף זיין פרוי — איז מיין פרוי דבורה, און דיזע . . . איז מיין בת יהודה פעדקלע . . . איך בעט, טרינקט טהע, עסט, פאר בייסט, ווי באי זיך צו הויז, גאנץ פריי, מיר זיינען פראסטע מאנשין.

— איך דאנק אייך זייער העדר בולבולאוו . . . אין דיעזען געגענד פאר דינט דער הכנסת אורחים אגרויסין דאנק!

זיינט איהר דען ניט אהיגער אנגעבוירענער?

— „וויא איך פאר שטעה", האט דער אורח געזאגט: "זייגט איהר מיט אונזער שטאדט מיט אונזער באלשערטסקא, גאנץ אונבעקאנט, איהר קומט אהין גאנץ זעלטען, ווען ניט אזוי, וואלט איהר מיר געקאנט.

— גאנץ ריכטיג, העדר מרמה! איך האב דארט אין באלשערטסק, קיינע געשעפטין, און ווידער איז דאס מיר אביסילע צו ווייט, פון דאנען רעכענט זיך ביז דארט געוויססע צוויי הונדערט ווארסט!

— דאך איז כדאי, אויף אונזער יריד צו קומען, דאס איז אוועלט — יריד! וועמען זעהט איהר דארט ניט? טאקע פון ארבע פינות העולם קומען מענשין אויף אינזער יריד; פון אונזערע רוססישע סוחרים איז דאך קיין ריידע, מען קומט פון אנגליע, פון פראנציע, פון דייטשלאנד פון איטאליע, האלאנדער, יאפאנער, קיטאיער סוחרים; אהער קומען טאטערין, וואגולען, אסטיאקען, סאמאיעדין, טונזיען, כיריעטין, יאוקאגירען, קאריעקען, קאמטשאדלען, טשוקטשען, מיט נאך אנדערע און מען קאן די בעסטע געשעפטין מאכין; וואס איז צוויי הונדערט ווארסט?

— איהר וואהנט דארט שוין פון גאנץ לאנג?

— איך בין דארט געבוירען געוואדין, נאר מיינע עלטערין זיינען מיט עטלעכע אונ דרייסיג יאהר, צוריק, פאר שיקט געוואדין אהער איבער אבלבול; פאר פינף יאהרין זיינען זיי ביידע געשטארבין,

הגם

נָאם זַיי הָאבִּין מִיר גִילָאזִין אַפָּאר מֶענִינְס פוּן אַ 25 טוֹיזֶענְט רוּבָּל,
דָאךְ בִּין אִיךְ נִיט צוּ פְרִידִין, דֶער מִיט, וַוייל אִיךְ בִּין אֵיינֶער,
אַבְּן יָחִיד בִּין אִיךְ בַּאי זַיי גִיוֶועזְן; אִיצְט וָואלְט אִיךְ חֵשֶׁק הָאבִּין
אַרוֹיס פָארִין פוּן דַאנֶען, צוּ רִיק, אִין זַייעֶר אַמָאלִיגִין קַאנְט...
בִּין אִיךְ שׁוֹין דָא אַיינְגֶעוָואהנְט, אוּנ צוּ גֶעבּוּנְדִין מִיט גִישֶׁעפְטִין,
אוּנ בִּין זַייעֶר אוּנְצוּפְרִידִין...

— "הָאט אִיהר שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט„?...

— "וָואס וָואלְט דֶער בְּלִינְדֶער וַויינֶען, אַז עֶר וָואלְט הָאבִּין
אוֹיגֶען?... וואו נֶעמְט מֶען, מַיינֶע לִיבֶּע פְרַיינְד, אִין אוּנְזֶער
וִוינְקְטִין קַאנְט אַזַא כַּלָּה וָואס מֶען וִויל, אוּנ וִוי מֶען וִויל? וואו
קָאנֶען מִיר דָא אַזַא זוּכֶען, עֶפֶּעס אַרֶעכְטִין אַפַּאסֶענְדֶען שִׁדּוּךְ? אַיין
אִיד פוּן צְוַויי-טִין אִיז מְפוּזָר וּמְפוֹרָד, אֵיינֶער דֶעם צְוַויי-טִין קָאן
נִיט אוּנ וַויים נִיט; יֶעדֶער מְאג חוֹשֵׁד זַיין דֶעם אַנְדֶערִין, אַז עֶר
אִיז אַהֶער פַאר טְרִיבִּין גֶעוָוארִין, נִיט אִיבֶּער אַפָּאלְשִׁין בִּכְלָל,
נָאר אִיבֶּער אַיין אֶמֶתֶע גְרוֹיסֶע זִינְד... אוּנ דֶער וַוייל, אִיז אַזַא
מֶענְשִׁין וִוי אִיךְ זַייעֶר נִיט גוּט, זַייעֶר בִּיטֶער, מַמָּשׁ דֶער לֶעבֶּען אִיז
נִיט לִיבּ נִיט נִיחָא קַיין זַאךְ!„

דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער הָאט דֶער מִרְמָה גִירֶעדְט מִיט הַאֵרֶץ, מִיט
גֶעפִיהל, אִין זַיין שְׁטִימְמֶע הָאט זִיךְ גִיהֶערְט אַבִּיטֶערְנֶעס,
אַהַארְצְלִיכֶעס פַאר דְרָאס, טְרֶערִין הָאבִּין זִיךְ גֶעקַייקִילְט פוּן
זַיינֶע אוֹיגֶען.

— זַיינְט אִיהר אַהֶער גִיקוּמֶען, וֶועגִין גִישֶׁעפְט, אָדֶער...

— אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען זֶעהן, אוּנ בֶּעטְרַאכְטִין אַייעֶר נִיזְשְׁנֶע
קַאמְטְשַׁאטְקֶע, וַוייל אִיךְ הָאבּ בְּדֵעָה, זִיךְ אִיבֶּער טְרָאגִין אַהֶער,
דָא אִיז דָאךְ מֶער מְדִינָה, מֶער וֶועלְט, מִיט מֶער אִידִין וִויא בַּאי
אוּנְז, וֶוער וַויים...

— זַייעֶר רֶעכְט, זַייעֶר גוּט, מִיר וֶועלִין זַייעֶר צוּ פְרִידִין זַיין,
אַט וֶועט אוּנְז אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיכֶער; אַדְּרַבָּה הֶערר מִרְמָה, מַאכְט
דָאס וָואס גִיכֶער, אַז גָאט וֶועט אוּנְז הֶעלְפִין, וֶועלִין מִיר דָא

אִיהר

הָאבִּין צְוַויי חֲתוּנוֹת מִיט אַמָאל, אָט שְׁרַייבּ אִיךְ (עֶר וַוייזְט אִיהם אוֹיפִין פָּאסְט בֵּייגֶעלֶע פַּאפִּיר . . .) צוּ מַיין בְּרוּדֶער אַבְּרִיף, אִיךְ הָאבּ זָאל גֶעזוּנְד זַיין אַבְּרוּדֶער אִין אַלְט-גָלוּתְוֶוקֶע . . . מִסְתָּמָא וַוייסְט אִיהר נִיט פוּן יֶענֶע מְדִינָה, וואוּ דָאס וַואקְסְט; אוּנ דֶער בְּרוּדֶער הָאט אַזוּהן אַטַייעֶר קִינְד, אַיְשִׁיבָה בָּחוּר, דָא אִיז גִיוֶוען דֶער אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל — מְשׁוּלָח, הָאט עֶר נִיט גִיקָאנְט זִיךְ אָפּ לוֹיבֶּען פוּן אִים, ווִיל אִיךְ אַז עֶר זָאל מַיין טָאכְטֶערְס חָתָן זַיין; אָט וֶועלִין מִיר הָאבִּין אֵיין חֲתוּנָה; בַּאי אַייךְ, אַז אִיהר וֶועט אָפּ זוּכִין אַכַּלָה, אַצְוֵוייטֶע חֲתוּנָה, אַוַודַאי אִיז דָאס זַייעֶר כְּדַאי, זֵייעֶר גוּט!

דֶער אוֹרֵחַ הָאט מֶער נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט, עֶר הָאט אָנְגֶעהֵייבִּין הַאסְטִיג זוּפִּין זַיין גְלָאז טְהֶע, וָואס אִיז גִיוָוארִין כִּמְעַט קַאלְט; אוֹיף זַיין פָּנִים הָאט זִיךְ פַּאר צוֹיגִין, אַמְשׁוּנֶה בְּלֵייכְקֵייט, עֶר הָאט אוּנְטֶער גֶעשְׁפַּארְט זַיין קָאפּ מִיט זַיין לִינְקֶע הַאנְד, הַאלְטֶענְדִיג מִיט דִיא פִינְגֶער פוּן זַיין רֶעכְטֶע הַאנְד דִי הֵייסֶע אָנְגִינָאסֶענֶע גְלָאז טְהֶע; עֶס אִיז נִכָּר גִיוֶוען, אַז עֶר אִיז אִיצְט טִיף פַּאר טְרַאכְט, זֵייעֶר שְׁטַארְק פַּאר קְלֶערְט.

צדוק מאנעש הָאט דֶער וַוייל פַּארְטִיג גֶעמַאכְט זַיין בְּרִיף צוּם בְּרוּדֶער אִים דוּרְךְ גִיקוּקְט אַייניגֶע מָאל, אַרַיין גִיפַּאסְט אִין אַקָאנְוֶוערְט פַּאר קְלֶעפְּט אוּנ בַּאלְד, מִיט אַמְשָׁרֵת אָפּ גֶעשִׁיקְט אוֹיף פָּאסְט. —

בִּיז דֶער אוֹרֵחַ הָאט אָפּ גִיטְרוּנְקֶען אוּנ אָפּ גִיגֶעסִין, הָאט גֶעדוֹיעֶרְט גוּטֶע צְוַויי שָׁעָה; אוּנ פַּאר דִיא צְוַויי שָׁעָה אִיז גֶעוָוארִין אוֹיפִין גַאנְצֶען אַנַאנְצֶע אִיבֶּער-קֶערֶענֶעשׁ, וָואס הָאט דֶעם אוֹרֵחַ זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקִין . . .

פוּן דֶער וַוייטִין הָאט זִיךְ גִיזֶעהן אִין וָואזְדוּךְ, אַז אַגְרוֹיסֶער חֹשֶׁךְ, אַמְשׁוּנֶה פִינְסְטֶערֶער טוּמַאן גֵייט פוּן מִינוּט צוּא מִינוּט נָאהֶענְטֶער צֵהֶער . . .

אִין יֶענֶע קַאנְטִין וַוייס מֶען זֵייעֶר גוּט, וָואס דָאס בֶּעדַייט, דָאס זַיינֶען סִמָנִים, וָואס זָאגִין אָן, וָואס זַיינֶען מוֹדִיעַ, אַז אִין

גִיכֶען

גיבען וועט זיין אַגרויסע פוגע, וואס האט בכח צו פאר שיטן, ניט נאר אַשליטין מיט עטליבע הינט, אונ פאסעזשירער, נאר אויך גאנצע דערפער!

וועלענדיג, ניט וועלענדיג האט דער אורח געמוזט, זיך אפּזאגין פון ווייטער פארין, דער ווײלע איז ער פאר בליבין נאר איבער נאכט.

5.

מען קאן ניט זאגין, ווער פון זיי אַלעמען איז מער אָדער ווייניגער צו פרידין גיוועהן מיט די סבה פון די פוגע; ווי עס ווייזט אויס זיינען זיי אַלע צופרידען גיוועהן, יעדער מיט זיין פניה; צדוק מאנש האט געוואלט זיך בעקאנגען נאהענטער מיט דעם יונגען מאן, כדי צו וויסען זיינע גישעפטין, מיט זיין אמת'ע כוונה, פון זיין קומען אהער; דבורה האט גיטראכט, וואס דארפמען שיקין פינף הונדערט רובּיל יענעם אויף הוצאות, זיך בעטין באי לייזער פרצין, טהו אַחסד, דיין זוהן זאל פאר אונזער טאכטער אַחתן זיין, אַז אט האט אונז גאט צו געשיקט איונגען מאן, אַקלוגין, אַרייכין, אונ זייער אַשיינעם, איצט וועלין מיר זיך באקענען מיט איהם, אונ ער מיט אונז; פערקעלע איז געוויס צו פרידען גיוועהן, ווען זעהט מען דארט אין די אויגען אַזא פרי? דאס האט דאך נאר גאט אַליין מיט זיין חסד, איר צו געשיקט אַזא שהחיינו אפּפעל'ע, דער ווײלע איז דעם טאטינס מחשבה, פון דעם פעטערס בחוריל אַזוי קאלט, ווי דער שנייא מיט דעם פראסט אויפין גאס; דריי חדשים וועט דער בריף גיין, ביז ער וועט אָנקומען צום פעטער; דריי חדשים וועט גידויערין, ביז מיר וועלין מקבל זיין, דעם פעטערס תשובה; אונ ווידער דריי חדשים ביז דער פעטער וועט ערהאלטין די געלט אויף הוצאות פאר בערל-וועוולען, אונ נאך אַמאל דריי חדשים ביז ער וועט קומען, דאס איז אַיאהר! ווער ווייס, וואס קאן פאר אַיאהר צייט ווערין, אט איז אַבחור, אַרייכער, אַשיינער, אַהיתכן, וועל איך איהם גיט געפעליג זיין, ווי ער מיר? דער אורח איז געוויס צו פרידען גיוועהן, ער זוכט אַכלה, אונ דא איז זיא; אַשיינע,

צבייבע, אבת יחידה, ער וועט דא איצט זיך לאזען דער קאנען, און די מיידיל מוז זיינע זיין. --

עס האט לאנג ניט געדויערט, האט זיך, פון מינוט צוא מינוט, גילאזט הערין, אלעס מער און מער, דער געוויססער צפון ווינט, פון איין מער זייט, מיט זיין בעקאנטין סוויסטש, מיט זיין שארפין אומעדיגין פייף; אויפין נאס איז אומיגליך גיוועז ארויס שטעקין דעם נאז.

דער אורח האט גירעדט, און דער ציילט, מעשות וואס ער האט געלייענט אין ביכער, גלייך ווארטליך, מיט לצנות, וואס אלע האבין שטארק געלאכט, טאקע כמעט פאר אלע יאהרין, און פון גרויס שמחה האבין די אלטע לייט אנגעהייבין דרעמלען, זיי האבין באלד פאר לאזין דעם קליינעם גאסט צימער, און זיינען אוועק אין זייער ספאילנע, איבער לאזענדיג די צוויי יונגע מענשין, זיך חכמהנדיג און לאכענדיג. —

קוים זיינען די אלטע לייט אוועק אין זייער מקום מנוחה, האט יעקים באריסאוויטש פאר דרייט זיין גאנצע רעדע, אויף איין אנדער זייט, ער האט אנגיהייבין ריידין מיט פערקלען וועגען איהר אליין.

פערקלע איז אמיידיל וויא מיר ווייסין, פון איאהר אכצין, געוואקסין וויא אשיינע סאסנע, איהר שיינער איידעלער פנים איז מיט אסאך חן, אירע שיינע צוויי בלאהע אויגען לייכטין און ווארעמען יעדערע יונגע הארץ, ניט ווייניגער, פון די פייערדיגע ברענענדיגע אויבינס; איהר גאנצער חסרון איז נאר גיוועזן וואס זיא האט חוץ איהר פאטער און מוטער, זייער זעלטען גיזעהן קלוגע מענשין, וואס זי זאל מיט זיי ריידין, וואס זיא זאל קאנען זיך וואס לערנען פון זיי, וואס זייא זאלין ווירקין אויף איהר נייסט, אויף איהר נשמה; זי איז גיוועזן אונגילערינט, אונגעבילדעט, פונקט ווי אירע עלטערין; באי די תורה וואס זיא האט אוים גילערינט באי בערציג דעם מלמד, און די ביסל פון דעם נאיעם לעהרער און נאר, דער באי איז זיא ניבליבין!

— „וָועט אִיהר אֵין גִיבֶען“, הָאט מִרְמָה מִיט אַלַייכְטִין שְׁמֵייכִיל גֶעזָאגְט; וִויא אִיךְ פַאר שְׁטֵיי פוּן אַייעֶר פָאטֶערְס רֵייד, אַכַּלָּה וֶוערִין !...

— דֶער „אִין גִיבֶען“ וֶועט נָאךְ גֶעדוֹיעֶרִין , אוֹיב נִיט אַיָאהר צַייט , אִינ נָאךְ מֶער . . . עֶר פָארְט נָאךְ נִיט !. . .

— אִיךְ מֵיין אוֹיךְ אַזוֹי , „עֶר פָארְט נָאךְ נִיט“ , נִיט אַיְשִׁיבָה בְּחִירִיל וֶועט זִיךְ לָאזִין פָארִין אַזַא מֶרְחַק רַב . . . אִיר וֵוייסְט וָואס אִיז דָאס „יְשִׁיבָה בְּחוּר ?“ . . .

— דֶעם אֶמֶת זָאגֶענְדִיג , וֵויים אִיךְ נִיט ; וָואס „אַבָּחוּר“ אִיז פַאר שְׁטֵיי אִיךְ , אָבֶער „יְשִׁיבָה-בָּחוּר“ וֵויים אִיךְ נִיט.

— אִיהר הָאט גִיזֶעהן , אַסַאמָא יֶעד ? . . .

— אָט דִי קוּרְצְ-פִּיסִיגֶע , מִיט דִי קְלֵיינֶע לַאנְגֶע אוֹיגִין , מִיט דִי בְּרֵייטֶע מוֹיל וָואס גְרֵייכְט פוּן אֵיין אוֹיעֶר בִּיז דֶעם צְוֵייטִין , מִיט זַיְיֶערֶע פֶּעדֶעמְדִיגֶע הָאר , מִיט זַייעֶרֶע פֶּעךְ שְׁוַוארְצֶע לַייבֶער. . . אָט אַזוֹי זַיינֶען דִי ? . . .

— אָט אַזַא חָתָן וִויל אַייךְ אַייעֶר טַאטֶע גֶעבֶּען , אֶמֶת עֶר אִיז אַייעֶרֶער אָקְרוֹב , אַפֶּעטֶערְס אַזוּהן . . .

— נֵיין , דָאס אִיז אוּמִיגְלִיךְ , דָאס וֶועט אֵייבִּיג נִיט זַיין !„ . . .

הָאט פערקלע מִיט כַּעַס אוּנ פַאר דְרָאס גִיזָאגְט.

— מִיט וָואס קָאנְט אִיהר דָאס , מַיין טַייעֶרֶע בַּאוָוארֶענֶען ? אַז „דָאס וֶועט אֵייבִּיג נִיט זַיין !“ אַדְרַבָּה זָאגְט , „מִיט וָואס !“

— אִיךְ וָועל זִיךְ דֶעם מוֹיד , „אֵייבֶּער גֶעבֶּען , אֵיידֶער צוּ אַזַא חָתָן , וֶוען אֲפִילוּ אִיךְ זָאל גְלוֹיבֶּען , אַז אִיר מָאלְט דֶעם שֵׁד שְׁרֶעקְלִיכֶער וִויא עֶר אִיז אִין אֶמֶת ; וִויל אִיךְ אִיהם אוֹיךְ נִיט , אִיךְ וִויל נִיט קַיין יְשִׁיבָה בָּחוּר !

— אִיךְ וָועל אַייךְ אַבֶּעסֶערֶע עֵצָה גֶעבֶּען . . . הָאט מִרְמָה גִיזָאגְט , אֵיידֶער דֶער יְשִׁיבָה בָּחוּר וָועט קוּמֶען , וֶוערְט דֶער וַוייְלֶע אַכַּלָּה , פַאר אַחָתָן וָואס הָאט אַייךְ לִיבּ , אוּנ אֶפְּשָׁר אִיר אִים אוֹיךְ ...

— וָוער אִיז עֶר ? אוּנ וואוּ גֶעפִינְט מֶען אִים ? דָאס וָואלְט גִיוֶוען אַגוּטֶע זַאךְ !

— „אִיהר זוּכְט אִיהם , אָט דָא בַּיים אוֹיבֶּען , נָאהֶענְט נֶעבֶּען

זיך

זיך... ער איז פַאר אַייעֶרע אויגֶען״ ! . .. בַּאי די וֶוערטֶער הָאט עֶר זיא גֶענומֶען פַאר איר רֶעכטֶע הַאנְד, פערקלע הָאט דיא הַאנְד נִיט צוא גֶענומֶען .

— "זַייט איהר צו פְרִידֶען, מַיין כַּלָה זַיין, שְׁוֶוערְט אויף אַייעֶר וָוארְט איך בִּין אַייעֶר חָתָן, מֶען זֶעהט אַז דָאס איז אַזוי בַּאשֶׁערְט !״

— ווי וֶועט אָבֶּער זַיין, אַז דֶער טַאטֶע מיט די מַאמֶען וֶועלין נִיט מַסְכִּים זַיין, זַייא וֶועלִין זָאגִין אַז איך זָאל נֶעמֶען, נָאר יֶענֶעם חָתָן ?

— מִיר וֶועלִין דֶער וַוייל הַאלְטִין דיא זַאך בְּסוֹד, נָאר מִיר בֵּיידֶע וַוייסֶען אוּנְזֶער גֶעהֵיימְנֶעשׁ ; מִיר וֶועלִין נָאך וַוארְטִין, אֶפְשָׁר וֶועט סַאי ווי סַאי יֶענֶער שִׁדוּך נִיט וֶוערִין, וֶועלִין אַייעֶרֶע עֶלְטֶערִין גֶעווים גֶערִין זַיין מיט מִיר : אוּנ אויב דֶער יְשִׁיבָה בָּחוּר וֶועט יא מְרוּצֶה זַיין פָאהִין אַהֶער וֶועלִין מִיר אָפְּשְׁטֶעלִין אַשְׁטִילֶע חוּפָּה, פַאר לָאזְט זיך אויף מִיר, עֶס וֶועט אַלֶעס רֶעכְט זַיין !

— בִּין איך אַייעֶר כַּלָה, אַייעֶרֶע אויף אֵייבִּיג !

דָאס אִיבֶּערִיגֶע איז גִיוֶועזֶן, וִויא בַּאי אַלֶע רָאמַאנִיסְטִין, וָואס דֶער לֶעזֶער אָדֶער דיא לֶעזֶערִינֶען, וָואס זַיינֶען אַלֵיין בַּיים נִסָיוֹן נִיט גֶעשְׁטַאנֶען, הָאבִּין זַיי אַלֶעס גַאנְץ דַייטְלֶעך גִילֵייעֶנְט פוּן אַלֶע רָאמַאנִישֶׁע בֶּעשְׁרַייבּוּנְגֶען .

פַאר טָאג הָאבִּין זיך בֵּיידֶע יוּנְגֶע לַייט גֶעשֵׁיידְט, גֶעגַאנְגֶען יֶעדֶער אויף זַיין אָרְט שְׁלָאפִין . —

6.

גַאנְצֶע אַכְט טָעג הָאבֶּען גֶעדוֹיעֶרְט די פוּגֶעס, אוּנ פַאר דיא גֶעצֵיילְטֶע טֶעג הָאט מִרְמָה אָפּ גִיקוֹיפְט די הֶערְצֶער בַּאי די מוּטֶער אוּנ טָאכְטֶער, נָאר נִיט בַּיים פָאטֶער, וָואס הָאט גִיוָואלְט אַז זַיין בְּרוּדֶערְס זוּהן, זָאל זַיין, אויך זַיין זוּהן, אוּנ זַיין יוֹרֵשׁ !

אִין אֶמֶתִ'ן, הָאט צדוק מָאנעש אַלֵיין, אויך נִיט גִיוואוּסְט, די רִיכְטִיגֶע סִבָּה פַאר וָואס דֶער בַייבֶער יוּנְגֶער מַאן מִרְמָה, איז אִים אַזוי דֶער ווידֶער, פַאר וָואס עֶר וִויל נִיט, עֶר זָאל, זַיין טָאכְטֶערְס חָתָן זַיין ; קוּקִין מיט אַנְלֵייבֶע אויג, באַרְף עֶר קֵיין בֶּעסֶערֶען אֵיידִים

גיט הָאבֶּען, אונ זיין טָאכְטֶער קיין בֶּעסֶערֶען חָתָן; אֶלָא, פַאר וָואס זוכְט עֶר תְּרוּצִים? פַאר וָואס טְרֵייסְט עֶר זִיךְ מִיט אַזָא וַוייטֶע, קַאלְטֶע טְרֵייסְטוּנְג, אַז דֶער בְּרוּדֶער וֶועט שִׁיקֶען זיין בָּחוּר'ל? ווייל אִים שְׁטוּיסְט אָפּ זיין הַארְץ פוּן דָעם יוּנְגֶען מַאן! נָאר וָואס בֶּעדַייט דָאס? וויא רוּפְט מֶען דָאס, אָט דָאס וָואס עֶס הַאגְדִילְט גֶעגִין זִיךְ אַלֵיין? דָאס הָאט צדוק מָאנעש זִיךְ נִיט גִיקֶענְט עֶרְקְלֶערִין; אוּנ דָאס זֶעלְבִּיגֶע נָאךְ פִיל קְלֶיגֶערֶע גִילֶערִינְטֶערֶענֶע מֶענְשֶׁען, אויךְ נִיט; מֶען זָאגְט אַז דָאס אִיז אַמִין נְבוּאָה, „די הַארְץ אִיז אַנָבִיא“ „די הַארְץ אִיז אַזֵייגֶער, אַסַאךְ מָאל שְׁטוּיסְט אָפּ אוּנְזֶער הַארְץ, אַזַאךְ מִיט גְרוֹיס כּוֹחַ, אוּנ זִיא אִיז גִירֶעכְט, זִיא טְרֶעפְט, הַגַם אוּנְזֶער שֵׂכֶל, אוּנְזֶער פַאר שְׁטַאנְד, הָאט תְּחִילַת נָאר נִיט אַרוֹיס גִיזֶעהֶן, אוּנ נָאר גִיט פַאר שְׁטַאנֶען! ...

צדוק מָאנעשעס הַארְץ אִיז דָעם מָאל גִירֶעכְט גִיוֶוען:

יָעקִים באריסאוויטש מִרְמָה, וָואס הָאט דֶער צֵיילְט צדוק מָאנעשין אַז עֶר אִיז פוּן בַּאלְשֶׁערְסְק, אַזוֹי וויא מִיר הָאבִּין גִיהֶערְט זיין בִּיאָגְרַאפְיֶע אִין קוּרְצֶען, אִים דֶער צֵיילֶענְדִיג, די עֶרְשְׁטֶע שָׁעָה, וויא עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ צדוק מָאנעשען אִין שְׁטוּב; אִיז דָאס דוּרְךְ אוֹיס שֶׁקֶר וְכָזָב! וֶוער עֶס וִויל וִויסֶען דֶעם אֶמֶת, וֶוער עֶר אִיז, אוּנ וָואס עֶר אִיז, יֶענֶער זָאל זִיךְ מַטְרִיחַ זיין, אִיבֶּער לֵייעֶנֶען אֵיינֶעם פוּן די אַלֶע בְּרִיף, וָואס יעקים. קוּקְט זֵיי אִיבֶּער. לִיגֶענְדִיג אויף זיין גִילֶעגֶער, אָט דָעם בְּרִיף וָואס עֶר הָאט גִיגֶעבִּין אַהֶארְצְלִיכֶען קוּס, לֵייעֶנְט אִים, זַייט אַזוֹי גוּט, פוּן בְּרֶעג בִּיז בְּרֶעג.

„מַיין טַייעֶרֶער זוהן יעקע מִרְמָה“.

דָער אוּנְגְלִיק הָאט דִיר מַיין קִינְד דֶער טַאטֶע; הַיינְטִיגֶע צַייטִין זַיינֶען דָא טוּיזֶענְטֶער וָואס טוּעֶן עֶרְגֶערֶע נְבָלוֹת, אוּנ זַיינֶען עֶרְלִיכֶע לֵייט, קֵיינֶער מְשַׁפֶּט זֵיי נִיט קֵיינֶער פַאר שִׁיקְט זֵיי נִיט! וָואס הָאסְטוּ אַזוֹי חוֹטֵא בְּעֵגֶל גִיוֶוען? הָאסְט נָאךְ גִימַאכְט דַיין בַּעַל הַבַּיִת אוּנְטֶער שְׁרִיפְט, זֵייעֶר קוּנְצִיג, אוּנ אַרוֹיס גִינוּמֶען פוּן בַּאנְק צֶעהֶן טוּיזֶנְט רוּבֶּל, דָאס אִיז אַיין חָאט; דוּ הָאסְט צוּ גִיפַּאסְט אַשְׁלִיסֶעלֶע צוּ זַיין צֵייזֶערְנֶע קַאמָאד, אוּנ עֶר זָאגְט, אַז דוּ הָאסְט אַרוֹיס גִינוּמֶען

נאך

נאָך 15 טויזענט רובּל אַצווייטער מאָל! און דעריבּער האָט מען דיר פאַר משפּט אויף 20 יאָר סיבּיר, אין באַלשערסק ... נו זאָל זיין אַזוי! אין פּלוק, וואָלט דיין בעל הבית, סאַי וסאַי דיא געלט פאַר שאַרלאַטאַנעריעס, אויף בּעלער. טעאַטער, קאָרטין א. ד. ג. נאָר, משפּט איז משפּט, מען מוז צו פרידען זיין; דוא האָסט אַגאַנץ היפּשען איינעם, דיר וועט דאָרט אויך ניט שלעכט זיין; יאָ נאָר איין זאַך גאָר זיך גוט אין זינען אַריין, אין יענע מקומות, זיי גוט חוכר ודורש, פרעג זיך גוט נאָך, דאַרף זיך געפינען אַהינגער מענש איינער אצדוק מאַנעש בּלבולאָוו, ער איז פאַר משפּט געוואָרין אַהין איבּער פאַלשע געלט, טאַקע דורך מיינע אַמאַסירה'לע, ער איז אַאיד אַגביר גדול, און האָט נאָר, וויא איך ווייס, וויא איך האָבּ ניט לאַנג געהערט, נאָר איין איינציגע טאָכטער ... פאַר שטייסט? דוּ זאַי ניט מגלה וועגער דו ביזט, און פון וואַנען, עס קאָן זיך אַמאָל טרעפען, אַז וויא אויף אַ להכעיס, זאָל מיין זוהן, זיין איידים זיין... דאָס וואָלט מיר זייער געפרייט, האָבּ דאָס מיין זוהן אין זינען, מער האָבּ איך דיר ניט וואָס צוא שרייבּען, שרייבּ אָפט בּריף, דיין געטרייער פאָטער בערציג מרמה.

און אַז דער יונגער שלאַנג, האָט זיין זאַך אָפּ גימאַכט גלאַט און גוט, דאָס האָבּין מיר שוין גיזעהן; דאָס איז סך הכּול איין יאָר, צייט ווי יעקע איז אין סיבּיר, איז ער דאָרט קלאָר אומעדום, אַלע שטעט מיט אַלע דערפער, ער קאָן שוין צוא בּימלעך ריידען, אויף אַלע זייערע לשונות ער ווייס מער פון צדוק מאַנעשין, וואָס זיצט שוין דאָ צעהן יאָהר, יעקע האָט לאַנג ניט גיוואַרט נאָר נאָך זיין פאַר בּינדין זיך מיט פערקלען, איז ער אַריבּער גיפאָרין, פון באַלשערסק, קיין גיזשנע קאַמטשאַצקע, ער האָט זיך באַזעצט אַוויאָרסט 13—15 פון צדוק מאַנעשען, און פלעגט אַלע איבּער טאָג קומען צו גאַסט...

די גרעסטע פרעסט און קעלטין, מיט די לייננסטע פינסטערע נעכט און קורצע טעג, שטעלין אויך ניט אָפּ די צייט, די טעג מיט די נעכט גייען פאַר בּאַי, עס קומען וואָכען מיט חדשים, און גייען

אוועק

אוועק, און אזוי כסדר.

צדוק מאנעש האט פון לאנג בעקומען א תשובה פון ברודער, וואס שרייבט: „אז דו וועסט ארויס שיקען הוצאות פאר לייזער וועלוולען, מיט אריכטיגע אויס שרייבונג פון די נסיעה וועט ער קומען צו אייך; איך האב ב״ה פינף זיהן, אלע גערואטענע, מסתמא איז אזוי באשערט, זאל גאט געבין מיט מזל; און צדוק מאנעש האט טאקע באלד ארויס געשיקט געלט, ניט קיין פינף הונדערט רובל, נאר טויזענד רובל, האלב אויף הוצאות, און האלב דעם ברודער א מתנה; אט, דעם אכטצעטין דעקאבר וועט שוין ווערען דריי חדשים, וואס לייזער וועלוויל פארט אין וועג, עס איז שוין געוועזען פון אים פינף טעלעגראמעס, מען דארף ווארטין נאך א וואך אויב די וועטערין מיט די וועג. וועלען דינגען: און אז ניט וועט גידויערין צוויי וואכען העכסטענס דריי; פון די לעצטע שטאט, ביז דאנען איז אים גיבליבען קארגע פינף הונדערט וויארסט, אמת דאס איז די ערגסטע, און גיפערליבסטע שטיקעלע וועג, וואס עס איז ערגער ווי די גאנצע נסיעה.

נאר באי צדוק מאנעשין אין שטוב איז זייער אונרוהיג; פערקעלע איז וויא קראנק פון יסורים, זיא ווייס ניט, וואס זיא זאל טאהן; איהר פאר דריסט איצט זייער, וואס זיא האט דעם טאטין באלד ניט מגלה גיוועזען דעם אמת; זיא האט איהם גידארפט זאגין: „שיק ניט טאטע קיין געלט, ניט זאי זיך מרבה בהוצאות, און מען דארף ניט מטריח זיין א מענטשין מיט אזא נסיעה, ער וועט מיין חתן ניט זיין!“ אבער איצט? וואס וועט דער טאטע איצט זאגין? ...

אין יעקים באריסאוויטש, איז באי זיך יא, ניט אראפ גיפאלין, ער האט זיא גיטרייסט ער האט זיא מבטיח גיוועזען, אז זיינע פלענער גייען צום בעסטען, זייער שנעל און גוט; ערשטינס האט ער אן געבעטין פאליציע, מיט די הויפט זשאנדארמען וואס געפינען זיך אויף די גלאוונע סטאנציאנען, אויף דיא וועגען וואס מען קומט אריין צו איהר אין שטאדט, אז זיי זעלין באגעגענען

אפאשעזיר

אפאשעזשיר מיט דעם נאמען ליזער-וועלוויל בילבולאוו, זאלין זיי אן שאלות, אים אטפראוועען מיט איין עטאפ, צו ריק אהיים אין טאווריער גובערנע . . . דו פאר שטייסט וויא קונציג דאס וועט זיין ? ער איז דאך פון אלט גלותוקע, דאס איז טולער גובערנע, טאווריע איז פון דארטין אמהלך גדול. אט וועט ער זיך אביסילע אום עפאצירין, דיין טאטע וועט מיינען, אז איהם האט אויפין וועג איין אונגליק גיטראפין; זיין טאטע וועט רעכענען אז דער זוהן איז זיך משמח, מיט דיא יונגע ווייביל, דעריבער האט ער פאר געסין אוויילע אויף איהם; נאר דאס בעסטע איז, וואס איך האב באשטעלט, אמנין אידין, טאקע באי מיר אין שטוב, איך האב שוין אוועק געשיקט נאכין שוחט אויך; אויף דעם קומענדיגין זונטאג זאלסט דו פערקלע זיין גרייט 6 אזייגער אין דער נאכט (דארט איז 6 אזייגער, וויא באי אונז 12 האלבע נאכט) וועל איך האבין צו געשיקט מיין קוטשער, אשליטין מיט 8 הינט געשפאנט, דו זאלסט זעהן, אז דער טאטע מיט די מאמען, זאלין שוין שלאפין; וועסט זיך שטילערהייט ארויס גיין פון שטוב, אונ האי דא! איך וועל דיר אנקעגין ארויס פארין, מסתמא וועל איך דיר באגעגענען אויף האלב וועג; דער מנין מיט דעם שוחט, וועלין זיין צו געגרייט, אז דיא זעלביגע מינוט, וועט ער מסדר קדושין זיין, אונ פארטיג; ביז טאג וועסט דוא צו ריק אין דער היים זיין, זיי וועלין ניט וויסין אפילו אז אהאן האט געקרייט גיפעלט דיר מיין פלאן! ?

— זייער גוט, זייער גוט, איך בין ליבער יעקים גרייט-צוא אלעס, פון מיינער זייט וועט אויך קיין מניעה ניט זיין. —

7.

וויא קורין דיא טאג זייגען אין יענעם וויסטין אונ קאלטין געגענד, דאך האבין זייא זיך אום געוויזין באי די 2 ליבענדע אזוי לאנג וויא דער אידישער גלות, זיי האבין קאם דער צוויגין, דער שלעפט, אונ אבער גילעבט דיא עטליכע טאג פון דאנערשטאג ביז זונטאג!

איר

פיר אזייגער, האט פערקלע אנגעהייבין איין מענהן, אז מען דארף זיך לייגין שלאפין, „עפעס ברעכען, מיר דיא ביינער. „עפעס טהוט מיר היינט מיין קאפ וויא.“ זיא האט זיך טאקע געלייגט, דעם טאטין מיט דיא מאמען איז ניצענדיג אליין געוואָרין אומעדיג, האבין זייא זיך אויך געלייגט, אונ זיינען וויא אויף להכעים גאנץ געשמאק אנשלאפין גיוואָרין; דער זייגער איז גאר גיוועזן האלב צוועלף, אונ דער געשיקטער שליטין מיט 8 הינט געשפאנט איז שוין געשטאנען ביים טויער.

גאנץ שטיל אונ זאכט, איז פערקלע ארויס פון שטוב, אריין אין שליטין, אונ דיא הינט האבין אנגעהייבין לויפין וויא זייא קאנען.

דער וועטער איז גיוועזן זייער אשלעכטער; שבת אין דער פריה, האבין געוויזען די סימנים, אז עס וועט זיין אפוגע, אגרויסע זאווערוחע אונ די סימנים זיינען דארטין זייער ריכטיג, זאנטאג דעם גאנצין טאג האט געפייפט, געדרייט, געקערט מוראדיג, ווער רעט ביינאכט איז געווים כסכנות נפשות; נאר דער גאנצער גליק איז וואס דער קוטשער מיט דיא הינד וואס לויפין צו זיך אהיים, ווייסין די וועג זייער גוט, זייא וועלין ניט בלאנזען, אונ ווידער אפ לויפין 13 ווערסט געדויערין אקארגע שעה, אפילו ווען דער ווינט מיט דיא פוגע זיינען אנטקעגין. —

נאר נאך אלע גוטע האפנונגען אונ טרייסטינגעס: האט דאך פערקילעס הארץ געפיהלט אנגסט, שרעק, אונ קלעמונג; ווער ווייס אויב דער טאטע אדער די מאמע וועט זיך גראד דעם מאל ניט אויף כאפין, אונ דער זעהען אז זיא איז ניטא? ווער ווייס צו וועט זיא ניט פאר בלאנדזען? ווארום אט פארט זיא שוין אגערעכטע צייט, עס דארף שוין זיין האלב וועג געווים, אונ ער יעקים איז נאך ניטא... ווער ווייס אויב ער האט באקומען אמגן? ווער ווייס אויב דער שוחט איז גיקומען? א. ז. וו. די אלע נארג, האבין איהר הארץ אזוי גיפרעסט, וויא גרויסע שווערע שטיינער, זיא האט יעדער רגע געפיהלט טויט חלשות.

נאר אירע אלע אומעדיגע מחשבות, זיינען מיט איין מאל איבער געריסען גיווארען, ווייא אבליטץ אין אפינסטערע נאכט, האבין איר אלע האפפענונגען אשיין גיגעבין, דער שליטין האט זיך אפ גישטעלט, זיא איז בשלום גיקומען צו פארין, זיא שטייט פאר דעם טויער פון איר יעקים'ס וואהנונג, זיא איז גיקוממען!

איהר האט אפילו געחידושט וואס יעקים האט גיט ווארט געהאלטען, נאר זיא האט גיפונען באלד אזכות, ער איז זייער באשעפטיגט, מסתמא איז אים גיוועזען אומיגליך, נאר פאר וואס ער גייט איצט זיא גיט אנטקעגין מקבל פנים זיין, אריין פארין אין שטוב, איז אגרויסע עולה... אבער, ווייל ליגין אין שליטין איז אויך ניט קיין גרויסער תענוג, איז זיא ארויס גיקראכין, צריין גיגאנגען אין שטוב; אונ דא האט זיא באקומען אתרוץ אויף אלע אירע קשיות; דער מנין מיט דעם שוחט זיינען טאקע אלע דא, נאר ער יעקים איז נאך ניט גיקומען, ער האט איין גישפאנט אשליטין מיט פיר הינד אונ איז איר גיפארין אנטקעגין, וויא זיין הבטחה איז גיוועזען, נאר פאר וואס האבין זייא זיך ניט באגעגינט? וואו האבין זייא זיך גיפעלט? ווייס קיינער גיט!

פערקלע איז גיכער גיפאלין, וויא זיך גיזעצט, אויף אבייגקיל וואס מען האט זיא אונטער גיטראגען, זיא האט זיך ניט פאנאנדער געוויקילט, וויא זיא איז גיוועזען פון וועג, אזוי איז זיא זיצין גיבליבין, דיא הארץ האט איהר גיקוועצט, זיא האט גיוואלט וויינען...

עס איז פאר ביי אשעה, אונ צוויא, אלע ניינען העכבט אומרוהיג, דער ווינט מיט די פולע זיינען אויף דער העכסטער מדרגה, אלע זיינען אויסער זיך, יעדערין פאר דריסט אויפען גאנצען עסק...

ווילע וויס חאפין זיך ארויס איינינגע מענטשין פארין טויער, אפשר וועלען זייא וואס דער זעהען, אדער דער הערין, נאר חוץ דעם פייפענדיגען שטורעם ווינד, הערט מען ניט קיין שום קול, קיין שום שטיממע.

עס זיינען פאר ביי נאך 2 שעה צייט, דער זייגער איז צעהן,

אונ

אונ דער חתן איז ניטא! איצט איז בייא אלעמען מער קיין ספק ניט געווען, אז דעם חתן האט איין אומגליק געטראפין, דיא כלה האט געוויינט אויפין קול;..

פלוצלונג, איז דער קליינער עולם דער פרייט געווארין, מען האט דער הערט וויא דיא מענשין, וואס זיינען ארויס גילאפין ווייטע וויים פארין טויער, שרייען אהער! אהער! פארט אהער!..

דיא כלה האט אויף גיהערט וויינען, דער גאנצער עולם האט אויף גיהערט אכטשען אונ קרעכטשען; דיא מענשין זיינען אריין גילאפין אין שטוב מיט אשמחה אט פארט ער, שיעור איז ער ניט פאר בייא גיפארין! דער שוחט האט געהייסען שטעלין דיא חופה, מען מוז מאכען וואס גיכער, דער עולם איז שוין מיד גיווארען ווארטענדיג, יעדער וויל, וואס גיכער קומען אהיים; ווער וויים אויב מארגין וועט די פונגע ניט גרעסער אונ שטארקער ווערין.

אשליטין מיט פיר הינד געשפאנט איז צו גיפארען צום טויער; דער חתן איז ארויס גיקראכין קוים קאם מיט דיא הילפע פון צוויי אונטער פירער, ער איז אריין אין שטוב, מען האט אים גישטעלט באלד אונטער די חופה, אונ טאקע באלד צו געפירט דיא כלה, דער שוחט האט גיגעבין דעם חתן אמטבע, דער חתן האט מקדש גיוועזן די כלה; אוים געלייענט די כתובה, אפ גיזאגט דיא ברכות, מז"ט האבין זיך געשאטין פון אלע זייטין, דאס איז גינאנגען איינס נאך איינס ווי מיא באקט מצה; נאר דא האט דיא כלה גיעפינט איהרע אויגען וויא גרויס זייא זיינען, זיא האט אריין גיקוקט, איר פאר וויקילטין חתן אין פנים, אונ האט אוים געשריען; "ניין ניט ער!" זיא האט צום טויט נעחלעשט, אלע האבין זיך צו געווארפין צו דיא נעחלעשטע, אונ דער חתן איז דער ווייטע ארויס פון שטוב, זיך גינעצט אין שליטין, אונ געהייסען גיכער פארין, לויפין וויא מען קאן...

אפ פארענדיג אשעה צייט, איז ער גיקומען צו אסטאנציע; דא האט ער געדארפט נעכטיגין, אונ מארגען נעמען אנדערע הינט, מיט איין אנדער קוטשער אונ פארין ווייטער; נאר דא האט איהם דער אונבאקאנטער אפ געהאלטען אוים פרעגענדיג בייא אים זיין נאמען,

הָאט עֶר אָפּ גֶענוּמֶען זיין בִּילֶעט, אוּנ הָאט אִים אַרֶעסְטִירְט, אָפּ צוּ שִׁיקְן מִיט דֶעם עֶטַאפּ צוּ רִיק אַהֵיים . . .

אַנַאנְצֶע נַאכְט הָאט דֶער אוֹרֵחַ גֶעטְרַאכְט, וָואס טְהוּט זִיךְ דָא מִיט אִים, אַנַאנְצֶע וֶועג אִיז עֶר אָפּ גִיפָארִין בְּשָׁלוֹם, אוּנ אָט בַּיים עֶנְדֶע אִיז עֶר אַזוֹי אוּנְגְלִיקְלִיךְ גִיוָוארֶען; עֶר הָאט בְּשׁוּם אוֹיפִין נִיט גִיקָאנְט פַאר שְׁטֵיין, פַאר וָואס הָאט מֶען אִיהם גִירוּפֶען „אַהֶער! פָארְט אַהֶער!“ וָואס אִיז דָאס גִיוֶועז פַאר אַחוּצְפָּה? פַאר אַמִין אָן שְׁטָעל? נָאר וָואס אִיז עֶר שׁוּלְדִיג? מֶען הָאט דָאךְ אִים נִיט גִילָאזְין אַנְוָוארְט רֵיידִין, אָט וִויא עֶר שְׁטֵייט אוּנ גֵייט הָאט מֶען אִים אַרוּנְטֶער גִישְׁטֶעלְט אוּנְטֶער דִיא פַּאצֵיילֶע; טֶען הָאט אִים גֶעהֵייסִין מְקַדֵּשׁ זַיין, הָאט עֶר מְקַדֵּשׁ גִיוֶועזְן, אַקַשְׁיָא אוֹיף אַמַעֲשֶׂה, אֶפְשָׁר וָואלְטִין זַייא אִים שְׁלָאגִין הַרְגֶענְען, אַז עֶר וָואלְט זַייא נִיט גִיפָאלְגְט; עֶר הָאט גִימְרַאכְט אִיךְ וֶועל מָארְגֶען קוּמֶען צוּם פֶּעטֶער וֶועל אִיךְ מִסְתָּמָא זִיךְ צוּ פְּרֶעגִין, אוּנ אִים דֶער צֵיילִין דִיא גֶעשִׁיכְטֶע, מִיט אַמָאל שְׁטֵייא! פָאר צוּ רִיק אַהֵיים! . . .

דֶעם קוּמֶענְדִיגֶען פְּרִיה מָארְגִין הָאט מֶען דֶעם אָרֶעמֶען בַּעַל-וּועלוּולֶען אַמְפְּרַאוֶועט צוּרִיק מִיט דִי זֶעלְבִּיגֶע וֶועג, עֶס הָאט אִים נִיט גִיהָאלְפִין קֵיינֶע טַעֲנוֹת;

צדוק מַאנֶעשׁ מִיט זַיין פְּרוֹי הָאבִין זִיךְ גֶעסַאפְּט אִין דֶער פְּרִיה, אַז דִי טָאכְטֶער אִיז נִיטָא, זַיינֶען זַייא בֵּיידֶע שִׁיעוּר פוּן זִינֶען אַרָאפּ קְלֶערֶענְדִיג וָואס דָאס קָאן זַיין? נָאר הַאלְבִּין טָאג אִיז זִיא גִיקוּמֶען אַהֵיים צוּ פָארִין; זִיא אִיז פַאר דֶעם מֵעֵת-לְעֵת גְרָאה אוּנ אַלְט גִיוָוארִין, עֶס אִיז נִיט גִיוֶועז צוּ דֶער קָאנֶען אַז דָאס אִיז דִי גֶעכְטִינֶע פֶערקֶעלֶע.

זִיא הָאט דִי עֶלְטֶערִין דֶער צֵיילְט אִיהר גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע וָואס דֶער לֶעזֶער וֵויים, פוּן אָנְהֵייבּ בִּיז דֶעם סוֹף. . .

מִיט דְרֵייא טָאג שְׁפֶּעטֶער. הָאט מֶען גֶעפוּנֶען עֶטְלִיכֶע בֵּיינֶער פוּן יעקים בַּארִיסָאוִויטְשֶׁעס גַאנְצִין גוּף, מֶען הָאט גֶעוואוּסְט אַז דָאס אִיז עֶר, נָאךְ זַיינֶע בְּגָדִים; אַפָּנִים אַז דִי הִינְד הָאבִּין עֶפֶּער דֶער שְׁמֶעקְט, זַיינֶען אַרָאפּ פוּן וֶועג; עֶר הָאט פוּן שְׁרֶעק סֶער גִיבְּלָאנְדְזֶעט, אוּנ חַיּוֹת הָאבִּין אִיהם צוּ רִיסְּן: . .

פערקלע איז גיבּליבּין איין אַלְמָנָה פון יְענֶעם חָתָן, אונ איין עֲגוּנָה פון דעם אַנדער חָתָן, וואס האט זיא מְקַדֵשׁ גיוועזן, אונ קיינער ווייס ניט וועֶר ער איז, אונ פון וואנען ער איז.

דא האבּין זיך גיגאסין טרערין איבּער טרערין!

נאָנְצֶע חֲדָשִׁים, האט צדוק מאנעש געוואַרט, אויף זיין פליביניק, אונ ער איז ניט גיקומען, בּייא איהם איז אויך מער קיין ספק ניט גיוועזן, אַז אים האט איין אונגליק גיטראפין, בּעת אַז ער איז שוין נאר נאָהענט גיוועזן!

8.

כּמְעט זיינען פאר בּייא נאָך גאַנצֶע צוויא יאהר פון יענער אונגליקליכֶער נאכט אונ טאג; צדוק מאנעש איז שוין לאנג גישטארבּין, צו פון יסורים מיט שִׁבְרוֹן לֵב, אָדֶער נייל עס איז ניטא דארט קיין רעבּטער דאקטאר אונ קיין אפּטייק, איז גאר גלייך, צדוק מאנעש וועט שוין נאָך אַמאל ניט לעבּין אויף דער וועלט, ער איז מיט דעם מאל, אויך ניט אין גאנצין צו פרידין גיוועזן; דיא פרויא מיט דיא טאכטער, האבּין צו זאַמען גענומען דעם גאנצין קאפיטאל, וואס האט בּעטראָפען איבּער הונדערט טויזענט רוּבּל, אונ האבּין זיך אומגיקערט צוריק אַהיים אין זייער קאנט; נאר אויפין וועג האבּין זייא זיך בּאגעגינט מיט מענשין, וואס האבּין זייא גיגעבּין אַגלייכֶע עֵצָה, אַז זייא זאָלין פאָרין קיין טאוּרי, גלייך אין קְרים, דארטין וועלין זייא אָפּ לעבּין, דארט איז דער גַן עֵדֶן, דארט איז דורכין יאהר כּסֵדֶר זוממער, דארט וועלין זייא וויסין אַז זייא לעבּין אויף דער וועלט; די מאמע מיט די טאכטער איז די עֵצָה גיפעלין גיוועזן, זיי זיינען גיקומען אין קְרים, זיך בּאזעצט אין יאלטע; זייער געלט האבּין זיי אַוועק גילייגט אין באנק, אונ פון פּראָצענט גילעבּט.

אז דער „עולם" האט זיך דערוואוסט פון די צוויי נפשות, האבּין זיך די קרימער בּעלנים אנגעהייבען שארין, אונ מקרב זיין צו דיא טאכטער; פון דיא אַלע חתנים האבּין זיך גיפונען גאַנץ רייכע, פיינע, געבּילדעטע חתנים, אונ צום גרויס בּאוואונדערן, האט זיא אַלעמען אָפּ גיזאגט.

צו פערקלען פלעגין אלע טאג אריין גיין צוויי לעהרער, איינער וואס האט מיט איר גילערינט רוסיש, דייטש, פראנצויז, דער צווייטער אאידישער לעהרערל וואס האט גינומען פינף רובל אחודש פארין לערנען זיא עברי-דייטש; אונ צום דאזיגין לעהרערל האט פערקלע געפיהלט אפריינדשאפט; זיא האט ליב גיהאט מיט אים צו ריידין פון וועלט זאכען, פון נאטור, פון דיא זון מיט דיא לבנה, פון היץ אונ קעלט; זייא זיינען אבער פון טאג צו טאג מער בעפריינדעט. מער בעקאנט גיווארען, ביז זייא האבין זיך אמאל דער רעדט, אזוי פיל, ביז דער לעהרעריל האט אויס גירעדט זיין גאנצע הארץ: „איך מוז אייך דעם אמת זאגין!“ האט ער זיצענדיג מיט איר אין אשיינעם גארטין געזאגט: „אז איך האב אייך ליב, ווי מיין גאנצין לעבען; וואלט איך אבחור גיוועזן, וואלט איך אייך גענומען פאר אפרוי..

— „האט איהר אפרוי? אפאמיליע?“ האט דיא פריילין מיט שרעק גיפרעגט.

— איך האב אפרוי, אונ ווייס ניט ווער זיא איז, אונ וואו זיא איז; איך בין דער אונגליקליכסטער מענש!“ ער האט זיא דער ציילט זיין גאנצע געשיכטע. — מיט ביידע הענד, האט זיא פאר דעקט איר פנים, אונ האט זיך צו וויינט.

— „איך וויין' האט זיא גיזאגט: איך וויין פון פרייד... בערל-וועלוויל! בערל-וועלוויל! איז דאס ריכטיג? ביזט דוא דאס גיוועזן?...

— „איך! איך!“ האט בערל וועלוויל אויס געשריען; פערקלע האט זיך גיווארפין בייא אים אויפין האלז.

באלד האט זיך דער פון דערוואוסט דיא מוטטער; די שמחה איז גיוועזן גרויס, איצט האט בערל-וועלוויל געשיקט אבריף צום טאטין מיט די מאמען, זייא זיינען גיקומען, מען האט געמאכט אנאייע חתונה, עס איז גיוועזן ששון ושמחה. —

ענדע